בעזהשי"ת

קונטרס

# שפתי קודש

## בלק

פה קרית טאהש יצ"ו

ע"י וועד להוצאת דא"ח מאת רביה"ק זי"ע

להשיג הקונטרס או לנדב יש לפנות אל:

**הר"ר נתנאל מאיר הערשקאוויטש שליט"א**

**514-518-6853**

**או אל בנו**

**ר' אליעזר צבי הערשקאוויטש ני"ו**

**438-920-4312**

# תורה א

## - א -

**מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל.** ס'איז ידוע, די גמרא זאגט אויף דעם (סנהדרין קה:), מברכתו של אותו רשע אתה למד מה היה בלבו לקללם, ביקש לומר שלא יהיה להם בתי כנסיות ובתי מדרשות, אמר מה טובו. נאכדעם זאגט די גמרא, אמר רבי אבא בר כהנא, כולם חזרו לקללה חוץ מבתי כנסיות ובתי מדרשות, שנאמר ויהפוך ה' אלקיך לך את הקללה לברכה, קללה ולא קללות, נאר די זאך איז געבליבן א ברכה, אז ס'וועט אלץ זיין בתי כנסיות ובתי מדרשות ביי יודן.

**דארף** מען צו פארשטיין דאס, פארוואס זענען אלע ברכות צוריק נתהפך געווארן לקללה, און פארוואס די ברכה פון בתי כנסיות נישט. און בכלל דארף מען פארשטיין, פארוואס האט בלעם זיך פארלייגט עקסטער, שלא יהיה להם בתי כנסיות ובתי מדרשות, זעהט אויס אז די זאך האט אים געשטערט, מער ווי אנדערע הייליגע כחות וואס יודן האבן, וואס איז דער ענין אין דעם.

**זענען** די ספרים הק' מסביר אויף דעם אסאך, זיי טייטשן אויף פארשידענע אופנים, און וויפיל מ'טייטשט איז אלץ דא נאך און נאך, עד אין סוף. אויף איין אופן זאגן זיי, בהקדם וואס די גמרא זאגט אין ברכות (ח.), רבי יוחנן האט זיך געוואונדערט איכא סבי בבבל, למען ירבו ימיכם על האדמה כתיב, כיון דאמרי ליה מקדמי ומחשכי לבי כנישתא, האט ער געזאגט, היינו דאהני להו, פארשטייט ער שוין פארוואס זיי האבן אריכות ימים. טייטשן אלע די גמרא, וואס האט ער זיך געוואונדערט, קען דען נישט זיין אז אין בבל זאל אויך זיין אריכות ימים, און וואס איז אים דערנאך פארענטפערט געווארן, ווייל מקדמי ומחשכי לבי כנישתא פארשטייט ער שוין, למעשה שטייט דאך על האדמה.

**זאגן** די מפרשים אזוי, ס'איז ידוע, ס'זענען דא שבעים אומות אויף די וועלט, און קעגן דעם זענען דא אויבן שבעים שרים, יעדע אומה האט א שר וואס דורך אים קומט זיין שפע. אפילו אויב מ'זעהט אז ס'זענען דא מער ווי שבעים אומות, זענען אלע נכלל אין די שבעים, שבעים זענען די שרשים פון די אומות. און ממילא די יודן וואס וואוינען צווישן די אומות, אין חוץ לארץ, כאטש זייער שפע קומט נישט פון קיין שר, ווייל אין מזל לישראל, יודן זענען נישט מקבל פון קיין שרים, נאר פון אייבערשטן אליין, דער באשעפער איז אונזער הער, אונזער פאטער, אונזער מלך, אבער וויבאלד זיי וואוינען צווישן די אומות, דארף זייער שפע דורכגיין דורך די ע' שרים, ס'קומט פון אייבערשטן, אבער ס'גייט דורך דורך זיי, און אז ס'גייט דורך, איז עס שוין נישט אזוי בשלימות, און

נישט אזוי ריין בקדושה, וויבאלד די שבעים שרים האבן א צוטריט דערצו, גנב'נען זיי אראפ דערפון, און מישן זיך אריין.

**ארץ** ישראל האט אבער נישט קיין שר, דער אייבערשטער איז דער שר, ארץ אשר ה' אלקיך דורש אותה, עיני ה' אלקיך בה, ממילא ווען יודן זענען דארט מקבל די שפע פון אייבערשטן, קומט עס גלייך אראפ, ס'דארף נישט דורכגיין די ע' שרים, און ממילא האט יענע זייט נישט קיין צוטריט דערצו. פארדעם איז אין ארץ ישראל דא אריכות ימים מער, ווייל די שפע קומט דארט בשלימות, מ'כאפט גארנישט אראפ דערפון. פארשטייט זיך, ס'דארף נאך זיין צו דעם, אז יודן זאלן האבן מעשים טובים, זיי זאלן זיין ראוי, דעמאלטס קען די שפע קומען אויף דעם אופן, אן קיין נגיעה פון די ע' שרים אינדערמיט.

**איבער** דעם האט זיך רבי יוחנן געוואונדערט, ווי קען זיין איכא סבי בבבל, למען ירבו ימיכם על האדמה כתיב. אז ער האט אבער געזעהן דמקדמי ומחשכי לבי כנישתא, די בתי מדרשות האבן דאך קדושת ארץ ישראל, א בית המדרש איז אזוי ווי א מקדש. איך זאג אלץ, אז אין די גמרא ביי אונז, אין ש"ס שטייט, אז ס'איז א מקדש מעט, ואהי להם למקדש מעט, אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבבל (מגילה כט.), אבער אין זוה"ק (ח"ג קכו.) שטייט דאס לשון, כל בי כנישתא דעלמא מקדש איקרי, ס'איז ווי א מקדש ממש, ס'שטייט נישט מעט. אויסער דעם זאגט דאך די גמרא (שם), עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבבל לקבוע בארץ ישראל, און א זאך וואס וועט זיין, איז ביים אייבערשטן אזוי ווי ס'איז שוין, ביים אייבערשטן איז דאך עבר הוה עתיד איין זאך, איז עס אזוי ווי ס'איז שוין אין ארץ ישראל. ממילא אז זיי זענען מקדמי ומחשכי לבי כנישתא, זענען זיי מקבל די שפע אזוי ווי אין ארץ ישראל, פון אייבערשטן גראד, קומט פון דארט די שפע פון אריכות ימים.

## - ב -

**און** ער זאגט דאס לשון, מקדמי ומחשכי לבי כנישתא, נישט סתם זיי גייען אין בית המדרש, דאזלי לבי כנישתא, אדער דיתבי בבי כנישתא, ווייל דער מענטש קען דאך נישט זיין אייביג אין בית המדרש, די וואס זיצן בארבע אמות של הלכה, זענען טאקע דארט א גאנצן טאג, אבער די וואס קענען נאך נישט, זיי זענען נישט תורתן אומנתן נאך, קען דען יעדער זיצן אין בית המדרש אלץ, און אפילו די וואס זענען תורתן אומנתן, דארפן דאך אויך מפסיק זיין, זיי דארפן אהיימגיין, ווערט דאך לכאורה דעמאלטס פארלוירן דער כח פון די גרויסע שפע, ס'איז אזוי ווי זיי גייען ארויס פון ארץ ישראל. וויבאלד זיי זענען אבער מקדמי ומחשכי, זיי פעדערן וויפיל זיי קענען, און

ביינאכט בלייבן זיי דארט לענגער, ווייזט דאס אז זיי האבן א השתוקקות דערצו, זיי בענקן זיך, זיי ווילן זייער זיין דארט, און דער כלל איז, וואו דער רצון פונעם מענטש איז, וואו די מחשבה איז, איז אזוי ווי ער איז אליין דארט, ממילא אפילו ווען זיי זענען נישט אין בית המדרש, זענען זיי אויך מקבל די שפע פון דארט.

**איך** האב שוין נאכגעזאגט אויף דעם, די גמרא זאגט (שבת פט:), ראוי היה יעקב אבינו לירד למצרים בשלשלאות של ברזל, אלא שזכותו גרמה לו, אז יוסף הצדיק איז אראפגעגאנגן פריער, און ער איז נאכגעקומען בדרך כבוד. וואס איז דער טעם אויף דעם, אז ס'האט געדארפט גיין אויף דעם אופן, בשלשלאות של ברזל, אז מ'האט געדארפט גיין קיין מצרים, האט דער אייבערשטער געקענט מאכן פארשידענע אופנים ווי אזוי מ'זאל אנקומען אהין, און אז יוסף איז געגאנגן פריער אויף מצרים, פארוואס האט עס געדארפט זיין אויף דעם אופן, ער זאל גיין מיט געוואלד, בשלשלאות של ברזל.

**האב** איך נאכזאגט, די ספרים הק' געבן דאס צו פארשטיין, אז וויבאלד מ'איז געגאנגן מיט געוואלד, האט מען אין מצרים אויך געהאט קדושת ארץ ישראל, ווייל די מחשבה איז ווייטער דארט. ארץ ישראל איז דאך געווען ארץ הקדושה, נישט נאר פון זמן המקדש, פון ווען דער באשעפער האט באשאפן די וועלט, איז עס שוין געווען דער מקור הקדושה, דער אייבערשטער האט דאך באשאפן אדם הראשון פונעם מקום המקדש, ס'איז געווען ארץ הקודש דעמאלטס אויך, נישט נאר ווייל ס'איז געווען דארט דער בית המקדש, פון די ערשטע מינוט האט דער אייבערשטער אזוי געוואלט, דאס איז די ארץ החיים, די ארץ עליונה, דארט איז דער מקור פון די גאנצע וועלט, פון דארט איז אלעם געבויעט, ממנו הושתת העולם.

**ממילא** אז יוסף הצדיק האט געדארפט אוועקגיין פון דארט, האט דער אייבערשטער געמאכט ס'זאל זיין מיט געוואלד, אזוי הייסט דאס אז ער איז ווייטער דארט, ווייל ער וויל דאך נישט, זיין רצון איז צו בלייבן אין ארץ ישראל, האט ער מיט דעם ממשיך געווען די קדושה פון ארץ ישראל קיין מצרים. און יעקב אליין איז אויך נישט געגאנגן מיט א רצון, האט ער אויך ממשיך געווען אהין קדושת ארץ ישראל. מיט דעם טייטשן די ספרים הק', וואס ס'שטייט אין פרשת ויגש, דער אייבערשטער האט געזאגט פאר יעקב (מו ג), אל תירא מרדה מצרימה, זאגט רש"י הק', לפי שהיה מיצר על שנזקק לצאת לחוצה לארץ. איז פשט אזוי, לפי שהיה מיצר, וועגן דעם, ווייל ער האט זיך מצער געווען אז ער דארף גיין קיין חוץ לארץ, ס'איז נישט געווען מיט זיין רצון, וועגן דעם אל תירא מרדה מצרים, דארפסטו נישט מורא האבן, ווייל די קדושת ארץ ישראל

גייט מיט, און וועגן דעם ואנכי אעלך גם עלה, סיי יעקב, און סיי כלל ישראל וועט מיט דעם כח צוריק ארויסגיין פון מצרים.

**די** זעלבע בחינה איז ביי מקדמי ומחשכי לבי כנישתא, ווייבאלד מ'האט א השתוקקות, מ'קומט פריער, מ'וויל זיין פון די ערשטע, און מ'בלייבט שפעטער, און ווי ס'שטייט אין שו"ע גע'פסקנ'ט (או"ח ל יד), אז א מענטש זאל זיך משתדל זיין צו זיין פון די עשרה ראשונים אין בית המדרש, און דער עטרת זקנים אין די זייט ברענגט דארט צו, אז די אנשי מעשה האבן זיך נוהג געווען, אויב האבן זיי אמאל געשפעטיגט צו זיין פון די עשרה ראשונים, האבן זיי געפאסט יענעם טאג. דאס איז טייטש אז מ'האט א השתוקקות, ס'איז נישט גענוג אז מ'גייט אין בית המדרש. האט רבי יוחנן געזאגט, אזוי, אז דאס איז דא, פארשטיי איך שוין פארוואס איכא סבי בבבל, היינו דאהני להו, ווייל דעמאלטס הייסט דאס אז מ'איז שטענדיג אין בית המדרש, ווייל די מחשבה איז אלץ דארט, איז מען כסדר מקבל די שפע אזוי ווי אין ארץ ישראל.

**מיט** דעם וועלן מיר צוקומען צו פארשטיין דער ענין, פארוואס בלעם האט זיך עקסטער פארלייגט אויף דעם, שלא יהא להם בתי כנסיות ובתי מדרשות, ווייל אלע ברכות וואס ער האט געזאגט אויף יודן, האבן אים נאך נישט אזוי געשטערט, ווייל אין די אלע השפעות קען ער נאך האבן א יניקה, ער האט דאך געוואוסט אז יודן וועלן זיין אין די גליות, אין די ארצות הגוים, וועט דאך זייער שפע מוזן דורכגיין די ע' שרים, וועלן זיי אלץ קענען אראפ גנב'נען דערפון, און די שפע וועט שוין נישט אזוי ריין, ווייל זיי האבן א נגיעה אינדערמיט. אבער אז יודן וועלן האבן בתי כנסיות ובתי מדרשות, וועט דאך אין גלות אויך גיין די שפע גראד צו די יודן, וועלן זיי מער נישט האבן קיין נגיעה אין אלע ברכות וואס ער האט געזאגט, דאס האט ער נישט געקענט פארנעמען.

**פארדעם** אלע ברכות וואס בלעם האט געזאגט, האט דער אייבערשטער געזאגט ס'זאל בטל ווערן, ווייל אין יעדע זאך האט ער געטראכט צו האבן א יניקה, ער האט עס געזאגט מיט די כוונה, אבער אזוי ווי ער האט געזאגט די ברכה פון מה טובו אהליך יעקב, האט ער געזעהן אז ער וועט מער נישט האבן קיין יניקה, איז דאס געווען א ריינע ברכה, האט דאס געקענט בלייבן.

- ג -

**און** ס'שטייט דא צוויי זאכן, מה טובו אהליך יעקב, משכנותיך ישראל, קען זיין אז אהליך גייט ארויף אויף די שטיבער פון יודישע קינדער, א יודישע שטוב איז דאך אויך א מקדש, ועשו לי מקדש גייט אויף יעדע שטוב ארויף, אויב מ'פירט זיך דארט ערליך, ושכנתי בתוכם, רועט דארט די שכינה. און מ'לערנט דאך דארט תורה אויך,

און מ'איז מקיים אסאך מצות, די משנה זאגט דאך, אפילו איינער לערנט תורה איז די שכינה מיט אים, שנאמר בכל המקום אשר אזכיר את שמי אבוא אליך וברכתיך. אבער די קדושה פון א בית המדרש איז א גרעסערע בחינה, ווייל דארט איז דא דער כח פון תלמוד תורה דרבים, און תפלה בציבור, מ'זאגט דארט קדיש און קדושה, איז עס א גרעסערע דרגא פון קדושה.

**זאגט** ער מה טובו אהליך יעקב, די געצעלטן מיינט מען די יודישע הייזער, ווי רש"י הק' זאגט אויף דעם, ער האט געזעהן אז מ'פירט זיך בצניעות אין די הייזער, ראה שאין פתחיהן מכוונים, רועט דארט די שכינה, דאס איז איין מדרגה, דאס איז בחינת יעקב. און משכנותיך ישראל, מיינט מען די בתי כנסיות ובתי מדרשות, דאס איז די בחינה פון ישראל, א גרעסערע מדרגה, דורך דיביידע כחות, האט בלעם געזעהן אז ער וועט נישט האבן קיין אחיזה אין די שפע פון יודן.

**אין** ספר בן ביתי פון רבי אליעזר'ל קאמארנער זי"ע, אין פרשת משפטים, אויפן פסוק ואם לבנו ייעדנה, ברענגט ער א מעשה וואס ער האט געהערט פונעם פאטער, אז ס'איז געווען אין פוילן א שטאט, דאכט זיך מיר בראד איז געווען די שטאט, דארט איז געווען א בית הכנסת, וואס מ'האט געלערנט דארט טאג און נאכט, און מ'האט געדאווענט, לא פסק קול תורה וקול תפלה, אדער האט מען געלערנט אדער געדאווענט, און די שכינה האט דארט גערועט. בימי הבעש"ט האט דער בעל דבר זיך פארלייגט, ס'זענען געקומען רשעים נעבעך, און עס מבטל געווען, די תלמידי חכמים האבן מער נישט געקענט זיין דארט. האט דער בעל שם טוב געהערט ווי די שכינה קלאגט, איך האב דא אזוי גוט גערועט, וואו וועל איך יעצט גיין רוען. האט ער געהערט נאכדעם א קול, ווי קוב"ה ענטפערט צוריק פאר די שכינה, איך האב זייער א געטרייען זון, דארט אין בראד וואוינט ער, רבי יצחק דראביטשער הייסט ער, ער דינט מיך זייער ערליך, דערווייל גיי אריין דארט אהין וואוינען. אזוי ברענגט רבי אליעזר'ל, דער פאטער רבי אייזיק'ל האט עס אים דערציילט.

**זעהט** מען, אז אין א יודישע שטוב קען די שכינה רוען אזוי ווי אין בית הכנסת, ממילא אז יודן האבן די זכיה, זיי זענען משרה די שכינה אין די שטיבער, און זיי בויען בתי כנסיות און בתי מדרשות, איז דא השראת השכינה ביי כלל ישראל. און אז די שכינה רועט, איז אלעס דא, וואו די שכינה רועט פעלט גארנישט, ויהי דוד לכל דרכיו משכיל, זאגט דער פסוק, דוד האט מצליח געווען ביי אלע זיינע ענינים, פארוואס ווייל וה' עמו, ווייל די שכינה איז געווען מיט אים, דער פסוק זאגט דאך ארויס, אויב ס'איז אבוא אליך דעמאלטס וברכתיך, דארט וואו די שכינה איז, זענען דא אלע ברכות.

- ד -

**איז** א געוואלדיגע זאך, א געוואלדיגע כח וואס מיר האבן אינעם גלות, דער כח פון מקדמי ומחשכי לבי כנישתא, מ'זאל קומען אין בית המדרש, און נישט סתם קומען, נאר מ'זאל זיין צוגעבונדן דערצו, מ'זאל וועלן זיין דארט ווי מער, נישט וועלן אלץ ארויסלויפן, אז דער רצון פונעם מענטש איז דארט, אפילו ווען ער דארף ארויסגיין, איז נחשב ווי ער וואלט ווייטער דארט געווען, ווייל ער האט אלץ אינזין דעם בית המדרש, ווי אזוי זעהט מען דאס, ווייל ער קומט פריער, ער איילט זיך אויפצושטיין, ער איז הונגעריג דארט צו זיין, ער וויל שלינגן דאס לערנען און דאווענען, אזוי ווי איינער איז הונגעריג און דארשטעריג זייער. און אינדערהיים לערנט ער אויך, ווען ער קען, יעדע מינוט וואס ער קען, און ער רעדט צום אייבערשטן שטענדיג, און האט אינזין דעם אייבערשטן ביי יעדע זאך. אז מ'פירט זיך אזוי, קומט די שפע גראד פון הימל, ס'דארף נישט דורכגיין די ע' שרים, בלייבט די שפע בשלימות.

**אויף** דעם זאגט שלמה המלך ע"ה, ותקם בעוד לילה, ס'גייט ארויף אויף כנסת ישראל, אויב זיי שטייען אויף צום לערנען ווען ס'איז נאך נאכט, און די גלות הייסט אויך לילה, באטש מ'איז אין גלות, ארומגענומען מיט אזויפיל טרדות, שטייט מען אויך אויף צום אייבערשטן בעוד לילה, צו לערנען און דאווענען, ותתן טרף לביתה, ברענגט מען מיט דעם פרנסה און אלע השפעות, ווייל דעמאלטס קומט די השפעה בשלימות. די גמרא זאגט (ערובין סה.) לא איברי לילה אלא לגירסא, און לא איברי לילה אלא לשינתא, אלעביידע דארפן זיין, אנפאנג נאכט דארף מען זיך לייגן, נישט אנברענגן די צייט, און דערנאך דארף מען אויפשטיין בעוד לילה, פארטאגס, דעמאלטס איז דא שפע, די גאנצע שפע ווענדט זיך אין דעם, יודן האבן א כח, זיי קענען ממשיך זיין שפע אין גלות אזוי ווי בזמן המקדש, אויב מ'שטייט אויף, מ'איז מקדמי ומחשכי לבי כנישתא.

**זאל** מען זיך שטארקן אין דעם, מ'זאל זיך באהאלטן אין דעם אינגאנצן, אין די אותיות התורה, די אותיות התפלה, דאס זאל זיין אונזער חיות. און עקסטער דארף מען היינט שטארק חיזוק אויפן עמוד התפלה, מ'זאל נישט מזלזל זיין דערין, דער עמוד התורה מיטן עמוד התפלה זענען געקניפט און געבונדן, מ'קען נישט איינס אן די אנדערע, די גמרא זאגט (ברכות ח.) אז די אמוראים האבן געדאווענט ביני עמודי דגרסי, דארט וואו זיי האבן געלערנט, האבן זיי געדאווענט, במקום רנה של תורה שם תהא תפלה (סס ו.), און פארקערט זאגט אויך די גמרא (מגילה כט.), אביי האט געזאגט, מריש הוה גריסנא בביתא ומצלינא בבי כנישתא, כיון דשמעת להא דאמר דוד ה' אהבתי מעון ביתך, הואי גריסנא בבי כנישתא, האט ער געלערנט דייקא דארט וואו ער דאווענט. זעהט מען אז די צוויי זאכן דארפן גיין אינאיינעם, אז מ'לערנט דארט וואו מ'דאווענט,

האט די תורה מער קדושה, מכח דעם עמוד התפלה, און אז מ'דאווענט דארט וואו מ'לערנט, ווערן די תפלות בעסער נתקבל, מכח דעם עמוד התורה.

היינט דארף מען אסאך כחות פארלייגן אז די תפלה זאל זיין ווי ס'דארף צו זיין, דער בעל שם טוב האט געזאגט, אלע זיינע מדרגות האט ער גענומען ווייל ער האט מכוין געווען בתפלה, און מתמיד געווען במקוואות. נישט אז דאס אליין איז גענוג, נאר דאס האט אים געברענגט צו אלעם, צו אלע מדרגות. און ער האט דאס געלערנט בסדר פאר די תלמידים, מ'זאל פארלייגן כחות אויף עבודת התפלה, און דער דרך הבעש"ט איז ווייטער דא, אלעס איז געווען פריער אויך, ס'זענען געווען אויף דער וועלט תנאים ואמוראים, גאונים וקדושים, אבער יעצט אין עיקבתא דמשיחא איז דאס דער וועג, אינעם דור האחרון גייט מען מיטן בעל שם טוב ותלמידיו, דורך זייערע דרכים, דורך זייערע כחות וואס זיי האבן אראפגעשיינט, און זיי שיינען ווייטער, וועט מען גיין קעגן משיח'ן.

ואל מען דעם עמוד התפלה נעמען שטארק אין די האנט אריין, דער אייבערשטער גלוסט צו הערן אונזער דאווענען, אלע עולמותווארטן אויף די שירות ותשבחות פון יודן, ס'זענען דא גענוג מלאכים וואס זינגן שירה, אבער זיי קענען נישט זאגן גארנישט, נאר ווען די יודן זאגן קודם (חולין צא:), פארוואס, ווייל די שירה פון א בשר ודם וואס איז אויף דער וועלט, איז מער חשוב ווי די שירה פון די מלאכי מעלה. איך האב שוין נאכגעזאגט, ס'שטייט (יהושע י יב) ווען יהושע האט געוואלט אפשטעלן די זון אין גבעון, האט די זון געשריגן געוואלד, דו שטעלסט מיך אפ, ווען איך גיי, זינג איך דאך שירה פארן אייבערשטן, ווי קענסטו אפשטעלן מיין שירה, האט יהושע געזאגט, אין די צייט וואס דו שטייסט, וועל איך זינגן שירה אנשטאט דיר (רש"י שם). זאגן די מפרשים, אויב די שירה פון יהושע איז די זעלבע חשוב, וואס האט אים יהושע געענטפערט, איך וועל זינגן אנשטאט דיר, ער האט דאך געהאט א טענה, ווי קען מען אים אפשטעלן פון זיין עבודה. נאר יהושע איז געקומען מיט דעם כח, אז זיין שירה איז מער, די שירה פון א יוד איז א גרעסערע זאך ווי די צבא השמים, כאטש די צבא השמים זענען העכער, א מלאך איז מער הייליג, אבער ווייל א מענטש האט א נגדיות, א צוריקהאלט, ער האט כסדר מניעות, און ער שטארקט זיך צו לערנען און דאווענען, האט דער אייבערשטער פון דעם מער תענוג.

- ה -

ביי די זמירות פון שלש סעודות האבן מיר געזאגט, ראשית חכמה יראת ה' שכל טוב לכל עושיהם תהלתו עומדת לעד, האב איך געקלערט פשט אזוי, דער פסוק זאגט,

אז ראשית חכמה איז יראת ה', דאס איז די ערשטע זאך, דאס ברענגט א שכל טוב לכל עושיהם, זייער גוט, אבער ווי אזוי קומט מען אן צו דעם, ווי אזוי איז מען זוכה צו די יראת ה'. זאגט ער, תהלתו, דורכדעם וואס מ'לויבט דעם אייבערשטן, דאס ברענגט עס, אז דער מענטש לויבט דעם אייבערשטן, ער זאגט שירה, ער פארציילט רוממות א־ל, ווערט ער דבוק צום אייבערשטן, קומט ער צו צו יראת ה'. שירה איז טייטש דביקות, די לוים האבן געזונגן שירה, הייסן זיי לוים, א לשון פון באהעפטן, הפעם ילוה אישי אלי. אויף דעם איז געבויעט דאס גאנצע דאוונען, אז דער מענטש לויבט דעם אייבערשטן, און בעהט דעם אייבערשטן, ווערט ער דורך דעם דבוק. אז א מענטש בעהט דעם אייבערשטן, הייסט דאס, אז ער ווייסט ער איז אנגעוואנדן אין אים, וואס בעהט ער, נישט נאר אז ער זאל האבן ברויט מיט פוטער, נאר ער ווייסט, ער קען גארנישט אנעם אייבערשטן, מ'איז ארומגענומען מיט נסיונות, מ'ברויך רחמים מ'זאל זיך קענען האלטן, בעהט ער, דער אייבערשטער זאל אים העלפן, דאס הייסט ער איז דבוק צום אייבערשטן.

**אויך** קען זיין פשט, אז תהלתו איז נאך א מדרגה, מער ווי ראשית חכמה יראת ה', דאס וואס דער מענטש קען לויבן דעם אייבערשטן, זאגן ווערטער פארן אייבערשטן, איז די גרעסטע מדרגה פון דביקות, ס'איז נישט פארהאן א גרעסערע זאך ווי דאס. אויב ער רעדט טאקע צום אייבערשטן, נישט אז דער סידור איז אפן, ער זאגט ווערטער, און שפאצירט אהער און אהין, דער בעל דבר רייסט דאך שטיקער אויף דעם, אבער אויב דער מענטש שטארקט זיך, ער שטייט אויף א פלאץ, און רעדט צום אייבערשטן, איז דאס די גרעסטע מדרגה. אודאי זענען אין דעם אליין דא מדרגות, ווי ווייט מ'רעדט צום אייבערשטן, מיט וויפיל דביקות, אבער אפילו די פשוט'ע מדרגה, אז דער מענטש האט אינזין וואס ער רעדט, די מחשבה איז דארט, איז דאס די מדרגה פון תהלתו, וואס איז עומדת לעד.

**דאס** איז די ברכה פון מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל, אז מ'קען קומען אין די בתי כנסיות ובתי מדרשות, לערנען און דאווענען און רעדן צום אייבערשטן, דאס איז די גרעסטע מתנה, איז דען דא א גליקליכערער מענטש ווי דאס, ס'איז נישט פארהאן א גרעסערער עושר ווי דעם. און צו דעם דארף נאך זיין, מ'זאל נזהר זיין אין מורא מקדש, מ'זאל געבן כבוד פארן בית המדרש, דער רבוש"ע פארלאנגט ומקדשי תיראו, פון דעם אליין קען מען קונה זיין א געוואלד קדושה, פון די יראה פונעם בית המדרש, דאס אליין ברענגט יראת ה' אויף א מענטש. אינדערהיים פלעגט צו זיין א פאליש, אויב מ'האט געדארפט עפעס זאגן, איז מען דארט ארויסגעגאנגען, מ'זאל נישט רעדן דארט וואו מ'דאווענט, דעמאלטס זענען געווען שולן, אין א שול איז אודאי

הארבער דאס רעדן, אבער אין בית המדרש ברויך מען אויך נזהר זיין, כדי די קדושה זאל קענען רוען דארטן, דארף זיין מורא מקדש, כל בי עשרה שכינתא שריא, ס'ווענדט זיך אבער ווי אזוי די עשרה זעהט אויס, ווי אזוי מ'פירט זיך אויף, לויט דעם איז דא די השראת השכינה.

**זאל** מען דאס מיטנעמען פון די פרשה, די קריאה פונעם שבת גייט דאך אויף די גאנצע וואך, כל ברכאן דלעילא ותתא ביומא שביעאה תליין, אלע ברכות, אלע טובות, די השפעה פון אלע עולמות, קומען ארויס דורכן שבת, זאל מען זיך א גאנצע וואך שטארק מעורר זיין, צו גיין מיט דעם כח פון מה טובו, מ'זאל זיין מקושר צו די תורה ותפלה אין די בתי כנסיות ומדרשות. און מיט דעם כח וועט מען זוכה זיין, ס'זאל מקוים ווערן דער צווייטער פשט וואס רש"י ברענגט, מה טובו אהל שילה ובית עולמים בישובן שמקריבין בהם קרבנות לכפר עליהם, צו דעם זאל מען זוכה זיין במהרה, דער בית המקדש אליין זאל שוין געבויעט ווערן, מ'האפט אז ס'וועט שוין זיכער זיין במהרה, און דערווייל אז ס'איז נאכנישט, איז עס ווייל מ'ווארט אויף אונז, אויף די עבודת ישראל אויף דער וועלט, מ'זאל קומען אין די בתי כנסיות ובתי מדרשות, אויפמאכן דאס מויל, דורך דעם וועלן נמתק ווערן אלע דינים, און נמשך ווערן אלע ישועות. ס'זאל זיין ווי ס'שטייט סוף פרשה, ותעצר המגפה מעל בני ישראל, מיטן כח פון פנחס וואס האט ממתיק געווען די דינים, השיב את חמתי מעל בני ישראל, און ער האט ממשיך געווען אזא ברכה, וואס איז כולל אלע ברכות, הנני נותן לו את בריתי שלום, ברית מיינט דאך די תורה, און שלום איז דאך כולל, זאל מען זוכה זיין בכחו של פנחס, לאורו של משיח במהרה, גאנץ כלל ישראל אינאיינעם, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן.

(תשנ"ג)

---

## תורה ב

### - א -

**מ'האב** מיר געליינט היינט דעם פסוק **כעת יאמר ליעקב ולישראל מה פעל א־ל.**

האב איך געזעהן, דער הייליגער רוזשינער זי"ע טייטשט אויף דעם, הלואי איך זאל קענען נאכזאגן, מסביר זיין זיינע הייליגע ווערטער, וואס ער זאגט איז דאך אין הימל געזאגט. זאגט ער, ס'שטייט אין ספר קהלת, אז ס'זענען דא י"ד עתים לטובה און י"ד עתים לרעה, דאס זענען קעגן די שבעת המדות, ס'זענען דא שבע מדות טובות און שבע מדות רעות, אויב דער מענטש דרייט איבער די מדות רעות אויך צו טוב, זענען

דא י"ד עתים לטובה, אויב חלילה פארקערט, ער דרייט איבער די מדות טובות צו רע, זענען דא י"ד עתים לרעה.

**די** זיבן מדות זענען דא סיי בעולם, די וועלט איז באשאפן געווארן אין זיבן טאג, ס'ווערט אנגערופן שבעת ימי הבנין, מיט די זיבן מדות פירט דער אייבערשטער די וועלט. און בנפש, אינעם מענטש זענען אויך דא שבע מדות בלב, שבע מדות טובות און שבע מדות רעות, אויב דער מענטש דרייט איבער אלע מדות צום גוטן, ברענגט ער מיט דעם, אז די וועלט זאל זיך אויך פירן מיט די י"ד עתים לטובה. אויב חלילה פארקערט, ער דרייט איבער זיינע מדות צו שלעכטס, איז ער גורם אז די וועלט זאל זיך פירן מיט די י"ד עתים לרעה ח"ו, לויט ווי דער מענטש פירט זיך, פירט זיך די וועלט.

**זאגט** דער פסוק, כעת, די צייטן, די י"ד עתים, צי ס'זאל זיין לטובה אדער לרעה, יאמר ליעקב, יאמר איז א לשון המשכה, אזוי ווי ס'שטייט ביי ברכת כהנים, אמור להם, זאלסט עס איבערגעבן, די ברכות יברכך, זאלסטו ממשיך זיין צו זיי. זאגט דער פסוק, יאמר ליעקב ולישראל, ס'איז איבערגעגעבן געווארן אין די הענט פון די יודן, לויט ווי אזוי זיי פירן זיך, אזוי פירן זיך די עתים.

**זאגט** ער ווייטער, מה פעל א'ל, ווי אזוי דער שם א'ל זאל ארבעטן, דער שם א'ל קען ארבעטן אויף גוטס, ס'איז פארהאן א'ל וואס איז חסד, חסד א'ל כל היום, און ס'קען זיין ח"ו א'ל זועם בכל יום, דאס ווענדט זיך ווי אזוי די יודן פירן זיך. יאמר ליעקב ולישראל מה פעל א'ל, ס'איז איבערגעגעבן אין די הענט פון יודן וואס דער א'ל זאל פועל זיין, ווי אזוי ער זאל ארבעטן, צי ס'זאל זיין חסד א'ל, וויפיל מאל נאך שטייט א'ל אויף חסד, א'ל חי העולמים, הא'ל ישועתנו ועזרתנו סלה, הא'ל הטוב. אויב דער יוד פירט זיך מיט זיינע מדות ווי ס'ברויך צו זיין, איז עס הא'ל הטוב, אויב חלילה פארקערט, איז עס א'ל זועם בכל יום חלילה. דער שם א'ל איז א געוואלדיגער שם, ס'איז זיך מתלבש אין חסד, ס'ווענדט זיך אבער ווי אזוי יודן פירן זיך, אזוי זאגט דער הייליגער רוזישנער.

**פארדעם** זאגן חז"ל (שבת קנו.) אין מזל לישראל, יודן זענען נישט אונטער די טבע פון די מזל, כאטש על פי טבע, לויט די סדר הנהגה פון די מזלות וואלט געדארפט זיין חלילה עתים לרעה, קענען יודן דאס מהפך זיין, אויב זיי פירן זיך גוט, ווערן די עתים גוט. און אפילו ווען פאר די אומות איז שלעכט, איז פאר יודן גוט, ווי ס'שטייט די וואך אין די פרשה (כד ז) יזל מים מדליו, יזל איז א לשון מזל, דער מזל פון יודן איז, מים מדליו, אין מים אלא תורה, לויט ווי אזוי זיי שעפן די תורה, לויט דעם רינט די

השפעה. די וועלט איז דאך באשאפן געווארן מיט די תורה, באורייתא ברא קוב"ה עלמא ובאורייתא אתנהג עלמא, די עסק התורה פון יודן פירט די וועלט, אז א יוד לערנט תורה לשמה, סתם תורה לשמה איז טייטש, ער לערנט כדי צו וויסן ווי אזוי זיך צו פירן, ס'איז אבער פארהאן א העכערע בחינה פון תורה לשמה, אז די תורה אליין כביכול, האט א טובה פון דעם וואס דער יוד לערנט איר, די תורה בעהט זיך מ'זאל איר לערנען, ווייל זי אליין ווערט אויפגעהויבן פון דעם, קומט אויס אז דער יוד פירט די תורה, ער הייבט איר אויף, און ממילא ווערט די גאנצע וועלט אויפגעהויבן דורך דעם, ממילא ווערן דורכדעם נתהפך אלע עתים לטובה.

## - ב -

און כעת איז אויך טייטש, לויט ווי אזוי יודן פירן זיך מיט די צייט, דער אייבערשטער האט איבערגעגעבן די צייט פארן מענטש, אויב ער ניצט אויס די צייט, ער גיט אוועק די צייט פאר די תורה, ווערן די צייטן נתהפך לטובה, די צייט ליגט אין די הענט פונעם מענטש, און ער קען עס דרייען ווי אזוי ער וויל. אויב ער האט נישט קיין דעת, גיט ער עס אוועק פאר נארישקייטן, ער ברענגט עס אויס פאר די צרכי הגוף, אלץ האט ער אינזין, ער זאל קענען עסן גוט, און שלאפן גוט, און ווען ס'קומט צו א יודישקייט זאך, איילט ער זיך, צום לערנען, צום דאווענען, קומט ער אלץ אן שפעט, און ווען ער קומט שוין, ווארט ער מ'זאל שוין ענדיגן, ער האט אפגעדאווענט, אפגעלערנט, און ס'איז ערלעדיגט. די ביסל תהלים נאכן דאווענען קען ער נישט זאגן, ער האט אלץ וויכטיגערס צו רעדן מיט דעם און מיט יענעם, און שבת אויך, ווען מ'זאגט תהלים האט ער אלץ וויכטיגערס וואס צו טון. א מענטש האט גארנישט קיין השגה וואס דאס איז, דער ספר תהלים, ער מיינט ער טוט א טובה, ער זאגט אפאר קאפיטלעך, דער תהלים איז דאך די תשובה פון דוד המלך, דאס איז דאך געמאכט געווארן להורות תשובה ליחיד, יעדער יחיד עד סוף כל הדורות, קען זיך דארט אליין טרעפן, ער איז דאך דער מענטש פון וועמען דוד המלך רעדט, און ער פארשטייט גארנישט.

זאל מען זעהן למען השם, מ'זאל די צייט אהערנעמען, כעת יאמר ליעקב ולישראל, אמאל איז א יוד אין א קליינע מדרגה, און אמאל אין א גרעסערע מדרגה, אמאל בבחינת יעקב און אמאל בבחינת ישראל, אין יעדן מצב דארף מען האלטן די צייט טייער. ס'שטייט נישט ארויס אין די תורה פונקטליך, וואס דער מענטש זאל טון מיט די צייט, ס'שטייט נישט ארויס אז אין די שעה זאל ער אויפשטיין, אין די שעה זאל ער לערנען, אין די שעה דאווענען, אויב ער דאווענט פריער, אדער ער הייבט אן שפעטער און ער ציעט אריין שפעטער, איז אויך גוט, דער עיקר איז ער זאל נישט לאזן די צייט

פארפאלן גיין, ער זאל יעדע רגע איינקויפן, מלאה הארץ קנינך, מ'איז דא אויף דער וועלט איינצוקויפן די תורה, יעדער יוד איז מחויב צו קענען די גאנצע תורה. אן עם הארץ מיינט, ס'איז דא א רב, א דיין, ער וועט שוין פרעגן, ער ווייסט שוין אלעס. אויב מ'לערנט נישט ווייסט מען גארנישט, פארשטייט מען ניטאמאל פון וואס מ'דארף זיך צו היטן, אז ס'קען זיין א חשש פון א חטא.

- ג -

**און** די גרעסטע צייט פון די וואך, דער העכסטער זמן, איז דער שבת קודש, ס'איז דאך די מינוטין פון עולם הבא, מעין עולם הבא יום שבת מנוחה, און דער מענטש פירט עס אפ מיט אזא קאלטקייט, מיט וואס איז עס מעין עולם הבא, אז ער טוט אן א שטריימל, דאס איז די עולם הבא, אז ער עסט טשאלענט, עולם הבא איז דאך טייטש מ'שפירט דעם אייבערשטן, ווי קען ער דאס שפירן, אז ער איז פארנומען אלץ מיט זיינע זאכן, מיט זיינע שמועסרייען. ס'איז דאך אן הלכה, מ'טאר נישט רעדן שבת נאר וואס מ'מוז, דער דיבור אום שבת איז א איסור דרבנן ממש, וויפיל הארבע איסורים זענען נאר מדרבנן, און ביי דעם דיבור, קען זיך דער עולם נישט צוריקהאלטן, איך דערמאן דאס אלץ, און דער עולם פארשטייט נאך נישט, מ'הערט נישט וואס איך זאג. ס'איז דאך א גמרא, ודבר דבר, שלא יהא דבורך של שבת כדבורך של חול, ווי אזוי קען מען ויסן וויפיל מ'מעג און וויפיל נישט, אויב מ'רעדט נאר וואס מ'מוז, איז מען דאס מקיים, א גאנצע וואך דארף אזוי זיין, כאטש שבת זאל מען דאס מקיים זיין.

**פאר** אן עם הארץ וואס ווייסט גארנישט, איז דא א היתר, ער ווייסט דאך גארנישט עפעס אנדערש, דאס איז זיין הנאה נעבעך (או"ח שז א), אבער מענטשן אזוי ווי היינט, וואס פארשטייען ב"ה לערנען, זאלן יוצא זיין דעם תענוג פון שבת מיט דעם, ס'איז דאך מעין עולם הבא, אין עולם הבא גייט מען אויס פארן אייבערשטן, מ'זעהט די שכינה, ברויך מען שבת זיך ארייננטון נאר אין עולם הבא, אין דביקות ה', מ'טאר קיין שום אנדערע זאכן נישט אינזין האבן, נאר לערנען און דאווענען און זאגן שירות ותשבחות, מ'טאר נישט מפסיק זיין מיט עפעס אנדערש.

**ס'איז** דא געגנוג אויף וואס צו ניצן דאס מויל אום שבת, מ'קען דאך כסדר לערנען און זאגן שירות ותשבחות, אינעם סידור'ל אריינקוקן, און אינעם חומש'ל, פארוואס דארף מען שמועסן, אז איינער קען בשעת'ן שמועסן מייחד זיין יחודים איז עפעס אנדערש, מ'רעדט דאך אבער פארשידענע נארישקייטן, פון די עבר און די הווה און די עתיד, דאס פארמישט דעם קאפ, ער קען גארנישט אנכאפן דעם שבת. און ממילא האט ער אלץ טענות, ער קען נישט פארנעמען אז מ'דאווענט שפעט, און שטאַט, ווי אזוי

מ'טוט איז אים נישט גוט, ווייל ער איז נישט פארבינדן מיטן שבת. אזוי גייט דורך נאך א שבת, און נאך א שבת, נאך א טאג און נאך א וואך, ס'הייסט ער איז פיין און וואויל, ער זאגט ער וואלט געוואלט עפעס טון, און למעשה טוט ער גארנישט, דאס יודישקייט איז קאלט, ער גיט זיך נישט קיין ריר.

און מ'ווייסט דאך, אז כעס אום שבת איז א געוואלדיגער חטא, א גאנצע וואך אז מ'כעס'ט, רחמנא ליצלן וואס פארא חטא דאס איז, אבער שבת איז דאס אסאך הארבער, ס'איז א עבירה שבעבירות, לא תבערו אש בכל מושבותיכם ביום השבת, זאגט דער תיקוני זוה"ק (סט: פה.), דאס גייט ארויף אויב מ'כעסט שבת חלילה, אוי, איך קען נישט זאגן ווי ווייט די עבירה איז, ווי אזוי דאס איז דאפלט גרוים. ווי אזוי קומט א מענטש צו דעם, אז ער רעדט שבת, ער הערט דאס, ער הערט יענץ, בייזערט ער זיך אויף דעם און אויף יענעם.

אויף דעם מענטש וואס שמועסט שבת דברים בטלים, ווייס איך נישט וואס צו זאגן, ס'איז נישטא נאך אזא נארישע באשעפעניש ווי דער, ער ווארפט אוועק דעם עולם הבא, ס'איז גארנישט שבת ביי אים, ער איז נאך נישט מנסך וויין מיט דעם, אבער ס'איז ביי אים נישט שבת, ער טוט גארנישט מיטן שבת, ער האט נישט קיין שייכות דערצו. און אזא מענטש וועט קיינמאל נישט האבן קיין גראדן שכל, ער בלייבט א נאַר אייביג, ווייל שבת איז דער מקור פון די תורה, בשבת ניתנה תורה, און ער נעמט עס נישט, ער איז פארנומען מיט זיינע שמועסערייען, האט ער נישט קיין שייכות צו די תורה, צו די שכל פון די תורה.

- ד -

זאל מען זיך אויפוועקן פון די פרשה, כעת יאמר ליעקב ולישראל מה פעל א־ל, די צייט זאל מען האלטן טייער, און אלע פסוקים פון די פרשה טוען אויפוועקן דעם יוד, ס'איז אזא גרויסע פרשה, וואס ס'ליגט אלץ באהאלטן אין יעדן פסוק, וואס ס'איז אין די ווערטער אריינגעלייגט, די גרעסטע זוהר'ס זענען דא אין בלק, וואס דארט טוט זיך. פון די פרשה זעהט מען די געוואלדיגע אהבה וואס דער אייבערשטער האט צו יודן, ווי מ'האט געזאגט היינט אין די הפטורה, דער אייבערשטער זאגט, עמי זכר נא מה יעץ בלק, ומה ענה אותו בלעם בן בעור, למען דעת צדקות ה', קוקטס די אהבה וואס איך האב צו ענק, איך האב ענק באשיצט און געראטעוועט, אהבה רבה אהבתנו ה' אלקינו, און דער מענטש שפירט עס גארנישט, אז איינער האט ליב דעם אייבערשטן, וויל ער זיך דאך באהעפטן צו אים יעדע רגע, ער קען גארנישט עפעס אנדערש אינזין האבן.

ה' ירחם עלינו, ס'זאל ניצן די ווערטער, מ'זאל נתעורר ווערן צו תשובה, מ'שטייט דאך שוין באלד ביי די הייליגע טעג, דער עטרת צבי זי"ע פלעגט יעדעס יאר נאכזאגן פון של"ה הק', אז תמו"ז איז נוטריקון ז'מני ת'שובה מ'משמשין ו'באין, ס'איז נישט סתם א שיינע רמז, נאר ס'קומט אונז ערוועקן, אז מ'ברויך שוין פון יעצט אנהייבן די עבודה פון תשובה, ווייל ווען ס'קומט אלול, גרייט דער בעל דבר צו אזעלכע זאכן, אזעלכע טרדות, אז מ'קען קוים קוים עפעס טון, זאגט דער של"ה הק' די עצה אויף דעם, מ'זאל אנהייבן פון יעצט, שטילערהייט זאל מען שוין ארייננעמען די תשובה אין זיך, מ'זאל אנהייבן ארבעטן מיטן מויל און מיטן הארץ און מוח, זיך ארייגלייגן אין יודישקייט. אין פרנסה זוכט א מענטש אלץ, וואו ער קען האבן נאך עפעס אזאך, וואו ער קען נאך עפעס פארדינען, דאס וואס ער האט איז אים נישט גענוג, אזוי ברויך מען צו טון אין יודישקייט, מ'זאל ארייגקוקן יעדן טאג, זוכן מיט וואס נאך מ'קען זיך באפעסטיגן אין יודישקייט, ווייל דאס וואס מ'האט איז נאך זייער ווייניג.

זאל מען זוכה זיין צו מאכן א גוטע הכנה צו די הייליגע טעג, מיט מוח און הארץ, בפיך ובלבבך לעשותו, דער מוח זאל אריין אין הארץ, דער מוח זאל מסביר זיין פארן הארץ, ושמתם את דברי אלה על לבבכם, אז דער מענטש פארשטייט מיטן מוח איז נאכנישט גענוג, ס'דארף אין הארץ אריינגיין, ער האט גוט פארשטאנען, זייער פיין, יעצט טו עפעס דערמיט, גיב עס איבער פארן הארץ, רחמנא לבא בעי, די עבודה פונעם מוח דארף ער אויך, אבער ער זאל עס איבערגעבן פארן הארץ, מ'דארף האבן א לב מבין, די בינה זאל אריינגיין אין הארץ, ה' בחכמה יסד ארץ כונן שמים בתבונה, אתה חונן לאדם דעת ומלמד לאנוש בינה.

און ממילא מיט אזא פירונג, וועט מען מהפך זיין אלע עתים לטובה, א יוד קען מיט זיין דאווענען מיט זיין לערנען ראטעווען די וועלט, אז איין יוד טוט תשובה איז ער מעורר אלע יודן, יחיד ששב מוחלין לכל העולם כולו, ווייל יעדער ווערט נתעורר דורך דעם יחיד, אלע יודן זענען ווי איין גוף, אזוי ווי ווען א מענטש לייגט אריין א פינגער אין ווארעם וואסער, שפירט עס דער גאנצער גוף, אזוי קען ער מיט זיין תשובה, מציל זיין נשמות ישראל, און ברענגן גוטס אויף די גאנצע וועלט, מהפך זיין אלע עתים לטובה, ס'זאל קומען נאר גוטס, אך טוב וחסד ירדפוני כל ימי חיי, כלל ישראל זאל געהאלפן ווערן און דערהויבן ווערן, ס'זאל שוין געבויעט ווערן דער מקדש אליין, ווי רש"י הק' זאגט דעם צווייטן פשט, משכנותיך ישראל, אז ס'גייט ארויף אויפן בית המקדש, מ'זאל שוין קומען צו די גאולה שלימה. לעולם זענען שוין גרייט די אלע גרויסע זאכן, פון ימות המשיח און תחיית המתים, מ'ווארט נאר אויף אונז, מ'זאל זיך צוגרייטן, הכון לקראת אלקיך ישראל, דער גאנצער אלף הששי איז א הכנה צום אלף

השביעי, והיה ביום הששי והכינו את אשר יביאו, יום הששי איז דער אלף הששי, יומו של הקב"ה אלף שנה, אלעס וואס מ'גייט דורך אין דעם אלף, איז א הכנה צום אלף השביעי, מ'זאל שוין קומען צום יום שכולו שבת, ס'זאל שוין זיין אבינו מלכנו הרם קרן ישראל עמך, הרם קרן משיחך, מיט די גאולה שלימה במהרה, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן. (תשמ"ו)